STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10970

DER GET

Sholem Aleichem

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאָלעמ־אליכעמ

ד ע ר ג ע ט

סצענעס פונעמ אמאָליקנ ייִדישנ לעבנ,
אינ איינ אקט אונ דרײַ בילדער

געשריבנ אינ יאָר 1887

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1935

Редактор Л. Гольдберг. Техред М. Погостер. Корректор А. Биттер.
Сдано в набор 15/III—35 г. Подписано к печати 29/III 35 г.
ф. б. 82×110¹/₃₂. 2 п. л. Уп. главлита В—4215. Тираж 7.500 экз.

Типография „Дер Эмес“, Москва, Покровка 9. зак. 308

דער געסט

די פארשוינגענ:

סאָרע־כאנצע: „אנ אײשעס־כאיל"[1].

רוװנ־הערש: איר מאנ א יוידײע סײפער[2].

עטל: זײער טאָכטער, א יונג װײַבל.

מאָטל: זײער אײדעמ, א פײַנער יונגערמאנטשיק.

לײװי־ביניאָמינ: א יונגערמאנ א מאסקיל,[3] באָטלס א כאװער.

רעב שאָלעמ שאדכנ: א ייִד א שאדכנ.

רעב אָרקע: דער "יאָװ פונ שטעטל".

פרומע־ליבע: די רעבעצנ.

רעב זכאריע: א סויפער, א ייִד מיט א גרינגער שאל.

ייִדל דער שאמעס: א רירעװדיק ייִדל מיט אײנ אויג.

צװײ אײדעס:

א מיניענ ייִדנ.

די געשיכטע קומט פאָר אינ א קלײנ שטעטל אינעם פאָריקנ יאָרהונדערט.

---

1 א פרוי א בעריע.

2 א װויל־געלערנטער.

3 אנ אופגעקלערטער.

דאָס ערשטע בילד

אין א בעווייגלעכ צימער, פּאָשעט מעבלירט, אפ דעם אלטנ יידישנ אויפנ, זיצט בא א גרויסנ פירעקיקנ טיש, אפ א בענקל רוונ-הערש איבער א סייפער פונ די היינטיקע ספאָרימ, שטארק פארטיפט. בא דער הרובע זיצט סאָרע־כאנצע אונ ארבעט א זאָק מיט גרויס מעהירעס[1] אונ דאָס קניילכל בוימוואָל קאטשעט זיכ בא אירע פיס אפ דער ערד; זי איז פארטיפט אינ דער ארבעט אונ קוקט אפּ די דרעטלעכ, וואָס טאנצנ ארומ אינ אירע פינגער.

1

סארע-כאנצע אונ רוונ-הערש

סאָרע-כאנצע: (ציילט די אייגלעכ פונ זאָק). איינס, צוויי, דריי פיר, פינפ... רוונ-הערש! זעקס, זיבנ, אכט, ניינ, צענ... רוונ־הערש!

רוונ־הערש: (הייבט אופ די אויגנ פונ דעם סייפער) הא?

סאָרע־כאנצע: האק דיר אינ קאָפּ אריינ! צענ מאָל דארפ מענ דיכ רופנ ביז דו וועסט זיכ אמאָל אָנרופנ.

רוונ־הערש: וואָס־זשע איז דאָרטנ?

סאָרע־כאנצע: וואָס זאָל זיינ? גאָרניט! ער האָט זיכ אָנגערעדט מיטנ געניידעמ, מע זאָל מיכ א לעבעדיקע אריינטרייבנ, סאָנע־ציִענ,[2] אינ דער ערד אריינ — אונ געגוג.

רוונ־הערש: שא, א נייס! וואָס נאָכ וועסטו זיכ אויסטראכטנ?

---

[1] גיכקייט.

[2] די פיינט פונ יידישנ פאָלק (א צושפּרוכ, א באוואָרעניש).

טאָרע־כאַנצע: אויסטראַכטן? איך טראַכט זיך אויס? איאָ, רוונ-הערש? ווער איז גערעכט? דו מיט דעם געניידעם דײַנעם? ווער איז א הולטײַיקע? איך! ווער ווערט אויסגעריסן, אויסגעריסן זאָלט איר ווערן? ווער פּרידט א גאַנצן טאָג אינ קלייט, אויסגעפּרוירנ זאָלט איר ווערנ אלע איינציקווײַז? — אלץ איך! אלץ איך! און אז ס'קומט צו עפּעס, בינ איך די שלעכטע! גיי, האָרעווע, קריך אינ דער ערד! א שיינעמ קאָוועד קאָנ מענ זיך פּונ אײַך דערלעבנ, ברענענ זאָלט איר אפנ פײַער, ווי מיר ברענט דאָס פּאָנעמ, ריבוינע-שעלוילעמ! אז טאָג ווי נאַכט ווייסט מענ נאָר זיצנ איבער די שיינע ביכלעך און פּאַטשקענ אינ די גאזעטנ! און אז איך קומ פונ מארק, קוקט מענ אפ מיר, ווי אפ דעמ הונט און מע סוידעט זיך מיט דעמ ווײַב. און מע שושקעט זיך מיט איר — שו־שו־שו, שו-שו-שו... וואָס שושקעט ער זיך מיט איר? הא? דו מיינסט, איך ווייס ניט, אז ער רעדט פונ מיר? האָסט מוירע, איך הער ניט? וואָס פאר א סוידעס איז דאָ פאר א שוויגער? איך פרעג דיך, וואָס האָט זיך אנ איידעמ צו באהאלטנ פונ א שוויגער? רוונ־הערש? רוונ־הערש? (מיט א קוועטש) רוונ־הערש?

רוונ-הערש: (כאַפּט זיך אוף) הא?

סאָרע־כאַנצע: האק דיר אינ מויעך! איך רייד און רייד, ווער צעזעצט ריידנדיק, און ער „האקעט" און „האקעט", גלײַך ווי א הונט בילט! אינ מיר ווערט מײַנ גאל צעפּלאַצט. מײַנ בלוט ווערט איבערגעזאָדנ, ווי אנ אָקרעפּ — און ער זיצט זיך מיט א גלאַטנ לונג און לעבער איבער די ספּאָרימלעך און איך האווקע און האווקע, טאָמער ווייסטו וואָס? אפּאָנעמ, די ספּאָרימלעך זײַנענ בא דיר טײַ־ערער פונעמ ווײַב? דאָס איז דאָך אינגאַנצנ דײַנ כּיעס![1] און ווער פּאָרט אפּ א יאריד? — סאָרע-כאַנצע! ווער וואַרגט זיך מיט א קאַר־טאָפליע פאר א גאַנצנ טאָג, דערוואָרגנ זאָלסטו ווערנ, ליבער גאָט? — סאָרע־כאַנצע! ס'זאָל אימ אָנהייבנ, אשטייגער, ארנ, וואָס דער שיינער געניידעמ זײַנער, ברענענ זאָל ער, פּאַטשקעט מיך אפּ די גאזעטנ...

---

[1] לעבנ.

רוּוונ-הערש! (פּייגט זיך אָנ צו איִם אינ אויער אַרײַנ). רוּוונ־הערש! רוּוונ־הערש!

רוּוונ-הערש: (רייסט זיך אָפּ פונעם סייפער). הא? הא? חא?

סאָרע-כאַנצע: קוק אָנ א ביסל א האקענ — האק דיר אינ מויעכ! איכ רייד פונ דײַנ טאכשיט, פונעם געניידעם דײַנעם, רייד איכ, פארכאפּט זאָל ער ווערנ!

רוּוונ-הערש: וואָס האָסטו צו אים? וואָס האָט ער דיר געטאָנ?

סאָרע-כאַנצע: וואָס האָסטו געוואָלט זאָל ער מיכ טאָנ? ער זאָל מיכ שלאָגנ? ס'איז גענוג דאָס, וואָס ער באַשרײַבט מיכ אַפּ די גאזועטנ!

רוּוונ-הערש: ווער האָט דיר געזאָגט, אז ער באַשרײַבט דיכ אַפּ די גאזועטנ?

סאָרע-כאַנצע: וואָס דענ ליגט ער טאָג ווי נאכט בא פּײַע-דוואָסעס געניידעמל, וואָס שרײַבט אינ אלע בלעטער? צונויפגעקאָמ-פּאניעט זיכ מיט א שארלאטאנ א שרײַבער, אונ נאָר מע לאכט, אונ נאָר מע ראָהאָטשעט זיכ, אונ אז מע דערזעט מיכ, ווערט מענ אנטשטומט, שטומ אונ קרומ זאָלנ זיי ווערנ פאר קאָל יִיסראָעל![1]

רוּוונ-הערש: כ'לעבנ, דו טשעפּעסט זיכ אומזיסט. מאָטל איז א יונגערמאנ א גאָלד! אזא יאָר אַפּ מיר.

סאָרע-כאַנצע: אָמיינ, אזא יאָר אַפּ אײַכ ביידנ!

רוּוונ-הערש: ער איז א יונגערמאנ, וואָס קאָנ גוט לערנענ, אונ לייענענ, אונ שרײַבנ, אונ... אונ... אונ...

סאָרע-כאַנצע! אונ... אונ... אונ!.. איכ דארפ ניט האָבנ קיינ שרײַבער, וואָס זאָל מיכ באַשרײַבנ! באַליאַפּענ!

רוּוונ-הערש: טשעפּע זיכ אָפּ, ער האָט דיכ ניט אפילע אינזינענ!

סאָרע-כאַנצע: וואָס איז? סע שטייט אימ עפּשער ניט אָנ? איכ דארפ אַפּ קאפּאָרעס אנ איידעמ, וואָס קענ צופיל אונ פארשטייט צופיל אונ ווייסט צופיל!

---

[1] אלע יִידנ.

ראָווען־הערש: וואָס־זשע אַרט עס דיך, אַז ער קען צופיל, פאַרשטייט צופיל און ווייסט צופיל?

סאָרע־כאַנצע: אַרן אַרט מיך ניט: לאָז ער זיך אָנצינדן! אַבי ער זאָל מיך לאָזן צורו, ניט פּאַטשקען מיך אַפ די גאַזעטן!

ראָווען־הערש: ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ער פּאַטשקעט דיך אַפ די גאַזעטן?

סאָרע־כאַנצע: וואָס דען טוט ער טאָג ווי נאַכט בא לייע־דוואָסעס גענײַדעמל, וואָס אַלע ווייסן, אַז ער פּאַטשקעט אַפ די קרויטבלעטלעך, מײַן איך אַפ די גאַזעטן?

ראָווען־הערש: (אַרויס פון די קוילים). אַ מײַסע אָנ אַנ עק מיט דיר! עס וואָלט טאַקע געווען אַ מיצווע, כ׳לעבן מע זאָל דיך טאַקע באַשרײַבן אין די גאַזעטן, און גוט באַשרײַבן, אַזוי, אַז דו זאָלסט האָבן צו זינגען און צו זאָגן!

סאָרע־כאַנצע: (רויט פאַר קאַס). ניט דערלעבן וועט איר דאָס ביידע! נאַ דיר אַ מאַטאָנע! (טראָגט אים אונטער אַ פײַג).

ראָווען־הערש: עס געזונט! (נעמט דעם סייפער אונטער דער האַנט און גייט אַוועק, טוט אַ זעץ מיט דער טיר. פונעם אַנדערן צימער לויפט אַרײַן עטל).

2

סאָרע־כאַנצע און עטל

עטל: (איבערגעשראָקן) וואָס איז דער טאַטע אַזוי אין קאַס?

סאָרע־כאַנצע: ווייסט אים דער שוואַרצער יאָר! דו קענסט אים ניט, דעם קויהען? ער וויל ניט ליידן, לעמיי דײַן מאָטל איז נעפעש־אַכאַס [1] מיט דעם שאַרלאַטאַן.

עטל: מיט וואָסער שאַרלאַטאַן?

סאָרע־כאַנצע: אָט מיט לייע־דוואָסעס גענײַדעמל, מ ט לייווי־ביניאָמינען.

עטל: מיט וואָס איז לייווי־ביניאָמין אַ שאַרלאַטאַן?

---

[1] אײַן נעשאָמע, געמיינט: גאָענטע פרײַנט.

סאָרע-כאנצע: איך ווייס, מיט וואָס? ער וויל ניט, דער טאטע דייַנער, אז דייַן מאן זאָל זייַן באקאנט מיט א שלימאזל, וואָס פאטשקעט אפ די קרויטבלעטלעך, שרייַבט אפ די גאזעטן מיין איך... ער וויל ניט לייַדן, דער טאטע דייַנער, וואָס די שטאָט האלט דיך אין מויל, דיך און דייַן מאן.

עטל: מייַן מאָטל?

סאָרע־כאנצע: דייַן מאָטלען! וואָס, מיינסטו, איז דייַן מאָטל? א באָסער וועדאָס[1] גלייַך מיט אלעמען.

עטל: וואָס־זשע זאָגט מען אפ מייַן מאָטלען?

סאָרע-כאנצע: מע זאָגט... וואָס א שטאָט קאָן זאָגן! מע שמועסט, אז ער ליגט טאָג ווי נאכט בא לייע־דוואָסען ניט אזוי צוליב דעם איידעם, ווי צוליב עמעצן אנדערש.

עטל: (אופגערעגט). לעמאָשל, צוליב וועמען?

סאָרע-כאנצע: איך ווייס צוליב וועמען? ווייסט זיי דער רועך אלעמען!

עטל: (לאכט מיט יאשטשערקעס). כא-כא־כא! לײדיקגייערס, פוסטע-פאסניקעס, רעכילעסניקעס! האָבן שוין ניט וואָס אויסצוטראכטן!

סאָרע-כא צע. אז מע קלינגט, איז כאָגע... וועגט האָבן אויערן, גאסן האָבן אויגן!..

עטל: (אויסער זיך). הערסטו, מאמע! אָט די, וואָס זיי קאָנען זאָגן אזא זאך, מעג זיך זיי שטעלן דאָס מויל אפ א זייַט! א כי־דעש איז מיר נאָר אפ דיר, מאמע, אז דו זאָלסט קאָנען גלייבן אזעלכעס אפ מייַן מאָטעלען...

סאָרע־כאנצע: זע נאָר, ווי זי פארציט אים א ביסל אפ א שטריקעלע: מאָטעלע! מאָ־טע-לע! וואָס איז דאָרט אזעלכעס? דו מיינסט, אז ער גייט טאקע אויס נאָך דיר, טאָכטער, אזוי ווי דו נאָך אים?

עטל: מאמע, דו האָסט אין אים א גרויסן טאָעס, מאמע! דו קענסט אים ניט! ער איז...

---

[1] באָסאָרוועדאָס — פארשפרייטע פאראָדיע אפ די ווערטער „באָסאָר וועדאָם" — פלייש און בלוט, געמיינט — א מענטש גלייַך מיט אלעמען.

סאָרע־כאַנצע: אַזוי? הייסט דאָס, ווייסטו מער פון מיר? גוטע יאָרן! אַז אָך און וויי דער מאַמען! ניטאָ וואָס צו ריידן! מײַן טאָכטער ווייסט מער פון מיר, זי איז די כאַכאַמע! זי ווייסט אַלץ! נאָר איך וויס גאָרניט! איך בין דער נאַר! איך בין די בעהיימע!..

עטל: ווער זאָגט דען, מאַמע? איך זאָג נאָר, אַז אַזאַ יונגערמאַן, ווי מײַן מאָטל...

סאָרע־כאַנצע: (נעמט די הענט פאַרבאָקאָם). נו?

עטל: אַזאַ יונגערמאַן, ווי מײַן מאָטל, דאַרף מען אויספאָרן די גאַנצע וועלט, וועט מען ניט געפינען...

סאָרע־כאַנצע: (קאַטשעט זיך). כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ! אַזוי? דאָס האָט ער דיך אַזוי אײַנגערעדט? איאָ? נו, גלייב אים, טאָכטער! ער האָט דיר עפּשער געשוואָרן אויך? כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! האָסט זיך אין אים אַ ביסל צופיל אײַנגעליבט, פירט ער דיך באַ דער נאָז. ווען דו זאָלסט זיך צו אים אַזוי צוקוקן, ווי איך קוק זיך צו, וואָלסט דו עפּשער אויך געזען דאָס, וואָס איך זע.

עטל: וואָס זעסטו אָפּ אין אים אַזעלכעס, מאַמע?

סאָרע־כאַנצע: איך זע? האַלעווײַ וואָלט קיינער ניט געזען! מע זעט שוין!

עטל: (דערשראָקן). וואָס זעט מען? ווער זעט? וואָס האָט מען געזען?

סאָרע־כאַנצע: מע האָט געזען דאָס, וואָס קיינער דאַרף ניט זען.

עטל: (צעקאָכט). מאַמעניו! האַרצעניו! ליובעניו! איך בעט דיך, זאָג מיר, וואָס האָט מען געזען?

סאָרע־כאַנצע: אַזוי? ווילסטו טאַקע, אַז איך זאָל דיר זאָגן? אַ שיינער קאָוועד פאַר דער מאַמען דײַנער! לאָזן דיר אַנדערע זאָגן, טאָכטער מײַנע!

עטל: (וויינט). דו מוטשעסט מיך, מאַמע! איך בעט דיך, זאָג מיר כאָטש איין וואָרט, כאָטש אַ האַלב וואָרט! איך בעט דיך! מאַמעניו! האַרצעניו, נעשאָמעניו!

סאָרע־כאַנצע! וואָס זאָל איך דיר זאָגן? וואָס? וואָס האָסטו זיך

צוגעטשעפעט צו מיר? גיי, לאָז ער דיר זאָגן, וווּהין גייט ער אַלע טאָג נאָכן דאַווענען?

עטל: וואָס הייסט וווּהין? צו לייווי-ביניאָמינען, צו לייע־דוואָסעס אײדעם; דאָרט לערנען זיי צוזאמען, לייענען גאזעטן...

סאָרע־כאַנצע! כא-כא־כא! אזוי טאַקע? ווער האָט דיר געזאָגט? מע לערנט דאָרט אײניִנעם און מע לייענט גאזעטן?!

עטל: וואָס זשע דען טוען זיי? אדעראבע, זאָג, מאמע, לאָם איך אויך וויסן!

סאָרע־כאַנצע: פונוואנען זאָל איך וויסן? איך גיי אים נאָך צי וואָס? איך האָב מער ניט וואָס צו טאָן, נאָר נאָכקוקן דעם געניי־דעם מײַנעם, וווּהין ער גייט — איך זאָג דיר! פראָמענע[1] מעג ער גײן גיט נאָר צו לייע־דוואָסעס טאָכטער — אפילע אינ דער ערד ארײַן, ארט מיך אויך ניט, אבי מיר און מײַן קינד זאָל ניט שאטן!

עטל: מאמע! דו ווייסט גאָרניט, וואָס דו רעדסט! וואָס יענער וועט דיר דערציילן פּיזמוינעס,[2] נעכטיקע טעג...

סאָרע־כאַנצע: (מיט פײַער)· הער נאָר, טאָכטער מײַנע. שוין לאנג ביסטו געוואָרן אזא פּרעסטארעצ, וואָס דו דערציילסט מיר מײַסעס? וואָס מאכסטו אוועק מיט דער האנט: „פּיזמוינעס"! איך דארף זיך בא קיינעם ניט נאָכפרעגן! איך פרעג ניט בא קיינעם; מע קומט צו מיר אינ קלייט ארײַן און מע דערציילט מיר — זאָל איך מיר פארשטעלן די אויערן? מאָל דיר, אז אָך און ווי איז מיר, אז איך זיצ און הער אויס אָט די אלע שיינע מײַסעס! איך בינ דאָך מער ניט ווי א מענטש. נו, א מאמע איז מיסטאמע ניט אײַנגענומען, אז מע רעדט אפ איר קינד. יענעם דאָס מויל פארשטעלנ קאָנ איך ניט, און גײן זיך אָפּקריגן מיט יעדן באזונדער בינ איך אויך ניט מוישע־מעכוייעח. ווי זאָגט מען: „שנײַצ די נאָז און שמיר דאָס פּאָ־נעם... ס'איז מיר אוואדע גוט, זאָג איך דיר!

עטל: (אויסער זיך). עמעצער האָט דיר אויסגעקלערט א נעכטיקן טאָג, אוואדע א סוינע מײַנער, און דו גלייבסט!

---

1 פון מיינעטוועגן (אב אוקראיניש ווערט)

2 אויסגעטראכטע זאכן, באָבעמײַסעס.

סאָרע־כאנצע: (הייס). אויסגעקלערט? א סוינע? אָ, קאָשערע בעהיימעלע! גיי הער, וואָס מע רעדט אפ דער גאַס, אינ אלע הייַזער! די גאנצע שטאָט האָט צו טאָנ מיט מיר — זאָגט זי א סוינע! מיר ליגנ בא יעדנ אינ מויל, קינד אונ קייט ווייסט פונ סאָד. יעדערער באזונדער ווייַזט אפ מיר אָנ מיט די פינגער, אונ אינ שול הער איכ הינטער מייַנע פּלייצעס, ווי מע שושקעט זיכ אונ מע לאכט — אונ זי זאָגט מיר, אז עמעצער האָט אויסגעטראכט! יענער הענגט זיכ פייע-דוואָסעס טעכטערל אפנ האלדז, אונ זי זאָגט אויסגעטראכט!

עטל: (וויינט). ס'אליגנ, מאמע, ס'אליגנ! ס'אליגנ!

3

די זעלבע אונ מאָטל

מאָטל: (לויפט אריַינ א דערשראָקענער). וואָס איז? וואָס שרייַסטו, עטעלע? דו וויינסט? וואָס וויינסטו, עטעלע? (נעמט זי אָנ בא דער האנט, קוקט בייז אפ דער שוויגער).

סאָרע-כאנצע: (שטייט אופ). קוק אים אָנ א ביסל, ווי ער מאכט דעם אָנשטעל! א נעבעכל, גאָט די נעשאָמע שולדיק... געמאכט א טעל פונ מייַנ קינד, אוועקגעקוילעט, אראָפּגענומענ דעם קאָפּ — אונ האָט א פּאָטעפּאלנעסט פרעגנ, וואָס זי וויינט?! רעצייעכ! קוילער! מאלכאמאָוועס איינער! זאָג מיר מיט וואָס אָטוועטשאיעסטו[1] מיר פאר מייַנ קינד? פאר מייַנ קינד, פאר מייַנ אויג אינ קאָפּ? וויינ, טאָכטער, וויינ! ווי איז דער מאמענ דייַנער (כאפּט די ארבעט, גייט ארויס אונ טוט א קלאפּ מיט דער טיר).

---

[1] ענטפערסטו.

4

מאָטל און עטל

מאָטל: (נעמט אָן עטלען בא ביידע הענט און וויל איר געבן א קוש; זי לאָזט זיך ניט און הערט ניט אוף צו וויינען)· עטעלע! טײַערע מײַנע! זאָג מיר, וואָס איז דאָ אזעלכעס? וואָס וויינסטו? איך בעט דיך, נע־שאָמע מײַנע! זאָג מיר! נו, זאָג כאָטש איין וואָרט! כאָטש איין וואָרט!

עטל: (צעגייט זיך פאר געוויין)· אוי, לאָז מיך! לאָז מיך! אוי גיי אוועק פון מיר! אוועק! אוועק! אוועק! (שטופּט אים אָפּ פון זיך)·

מאָטל (טרעט אָפּ א ביסל, בלייבט שטיין, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ, לייגט צונויפּ די הענט און בלייבט אין א טראגישער פּאָזע)· ריבוינעשעלוילעם! ריבוינע־שעלוילעם! (גייט צו נעענטער צום ווײַב)· עטל! עטל: האָב ראכמאָנעס!.. עס ווײַזט אויס, אז די שוויגער האָט שוין ווידער אָנגערעדט אָפּ מיר... עטל! לעמײַ זאָלסטו פון מיר פארבאָרגן? ערשט נעכטן האָסטו מיר געשוואָרן, אז וואָס מע וועט דיר זאָגן, וועסטו מיר באלד דער־ציילן... אז דו וועסט שוין מער קיין שלעכטס אָפּ מיר ניט גלייבן... אז צווישן אונדז וועט טאָמיד זײַן א הייליקע ליבע אָפּ אייביק... און אצינד, מײַן טײַערע, שטיי איך פאר דיר און בעט ראכמים, זאָלסט כאָטש איין קוק טאָן אָפּ מיר, כאָטש איין וואָרט מיר זאָגן, ווילסטו ניט, עטל! ווו זײַנען דײַנע שוועס? ווו זײַנען דײַנע נעכטיקע האוו־טאָכעס, עטל? (ער כאפּט זי ארום און טוט זי א קוש, זי רײַסט זיך אויס פון זײַנע הענט מיט קאס).

עטל: אוועק! אוועק צו לייע־דוואָסעס טעכטערל! אוועק פון מײַנע אויגן!

מאָטל: (דערשטוינט)· צו לייע־דוואָסעס טעכטערל? וואָס הייסט דאָס און וואָס באטײַט דאָס? וואָס איז דאָס פאר א נײַס, הא?

עטל: (מיט הארץ)· א נײַס, זאָגסטו? גיי הער, וואָס די שטאָט רעדט!

מאָטל! די שטאָט רעדט! וואָס רעדט די שטאָט? אדערבא, לאָם איך אויך וויסן?

עטל: דו פרעגסט נאָך? הא? וואָס גייסטו אהין אלע טאָג? דו

מיינסט, דו נארסט מיך אָפּ? מיינ ניט, אז איך בינ אזא נאר, ווי דו מיינסט, אָ, איך ווייס שוינ! צו לייווי־ביניאָמי־נעב גייסטו? איאָ! צו איר, צו לייע־דוואָסעס קראסאוו־צע מיט דער רויטער נאָז... אָ אָ אָ!!! (זי רײַסט אפ זיך די האָר אונ איז אויסער זיך).

מאָטל: (כאַפּט זי בא די הענט, נעמט זי אָרום מיט הייסע פלאם־פײַערדיקע קושנ). עטל! ליובעניו! וואָס רעדסטו? איך? איך? צו לייע־דוואָסעס טאָכטער? צו אָט דער דאָזיקער? איך וועל דיך פארבײַטנ אפ לייע־דוואָסעס טאָכטער? דיך? מײַנ קעצעלע? מײַנ נעשאָמע? מײַנ לעבנ? מײַנ... איך...? אָ, איך ווייס שוינ פונ וועמענ דאָס וואקסט! איך ווייס שוינ! דאָס האָט זי אויסגעטראכט! זי! די שוויגער! יאָ, איך ווייס שוינ! איך ווייס שוינ! אָ, זי וויל אונדז צעשיידנ! זי וויל מיך אינ דער ערד ארײַנטרײַבנ א לעבעדיקנ! זי האָט זיך גענומענ אפ מיר! ערשט הײַנט אינדערפרי האָט זי מיר דערציילט אונ אָנגערעדט אפ דיר קאָל האזבאָרעס! אז דו האָסט זיך איר באקלאָגט אפ מיר, אז דו קאָנסט מיך ניט אָנקוקנ, אז לייווי־ביניאָמינ האָט א שיינ קאָל אונ קענ זינגענ אונ איך ניט; אז לייווי־ביניאָמינ... נאָר איך גלייב ניט, אונ דו גלייבסט! איך זשאלעווע דיך, אונ דו מיך — ניט. איך האָב דיך ליב אונ בינ דיר געטרײַ ביז לעצט, אונ דו האָסט אפילע קיינ קאפ ראכמאָנעס ניט אפ מיר!.. דו האָסט מיר געגעבנ א שוווע, אז דו וועסט מיך אייביק ליב האָבנ, סאָמיד גלויבנ; צום סאָפ, ווילסטו אפילע אפ מיר קיינ קוק ניט טאָנ... אָ, איך בינ דער אומגליקלעכסטער מענטש אפ דער וועלט! (פאלט אפ א בענקל אונ וויינט).

עטל: (גייט צו צו אים אונ וויל אים טאָנ א קוש, ער לאָזט ניט). מאָטעלע! גאָט איז מיט דיר! טו אפ מיר א קוק — דאָס בינ איך! דו ווילסט מיך ניט? מאָטעלע! מאָטעלע!

מאָטל: (פאלט איר אפ דעם האלדז). עטעלע.

עטל: (מע קושט זיך). מאָטעלע!..

מאָטל: (קושנדיק). קעצעלע!

עטל! (קושנדיק). קאָטעקל:

מאָטל: (קושט זי). נעשאָמע מײַנע!

עטל: (קושט אים)) לעבנ מײַנס!

מאָטל: (קושט זי). מײַנ ענגעל!

עטל: (קושט אים)· מײַן האַרץ!
מאָטל! און דו האָסט זיך אָפּ מיר אױסגעלעבט, נעגלייבט, הא?
עטל: אָ, זײַ מיר מוחל, מאָטעלע! דאָס לעצטע מאָל! .
מאָטל: זע זשע, עטעלע, דאָס לעצטע מאָל!
עטל: דאָס לעצטע מאָל! דאָס לעצטע מאָל!
מאָטל: שווער מיר!
עטל: איך שווער דיר!
מאָטל: ביז דײַן לעבן!
עטל: ביז מײַן לעבן!

סאָף פונעם ערשטן טייל

דאָס צווייטע בילד

רוונ־הערש זיצט איבער א סייפער אינ דעמ זעלבנ צימער און איז צעקאָכט. רעב שאָלעמ שאדכנ קוקט אימ גלײַכ אינ די אויגנ ארײַנ.

1

רוונ-הערש און שאָלעמ שאדכנ

רעב שאָלעמ שאדכנ: וואָס זײַט איר אזוי צעטראָגנ וואָס? מיילע, וואָס סע מאכט זיכ וואָס? אײַער טאָכטער איז ניט די ערשטע איז זי, איר האָט מוירע האָט איר, זי וועט ניט קריגנ קיינ אנדערנ וועט זי? בראָד איז ניט אויסגעשטאָרבנ בראָד!

רוונ-הערש: וואָס רעדט איר? איר ווילט מיר אײַנריידנ א קינד אינ בויכ? מאָטל איז א זעלטענער יונגערמאנ; א זעלטנ קינד, כ'לעבנ, א זעלטנ קינד!

רעב שאָלעמ שאדכנ: נו, ווער זאָגט דענ ווער? ער איז אוואדע נישקאָשע פונ א יונגערמאנ איז ער, נאָר מיסטאמע איז דאָס ניט איר זיוועג[1] מיסטאמע...

רוונ־הערש: ניט איר זיוועג, זאָגט איר? וואָס איז? וואָס גייט אימ אָפּ? איכ פרעג אײַכ, רעב שאָלעמ, מיט וואָס איז דאָס ניט גלײַכ? אדעראבע, זאָגט איר אלײנ! (רוקט זיכ צו צו אימ).

רעב שאָלעמ שאדכנ: (רוקט זיכ אָפּ). וואָס קאָנ איכ זאָגנ, וואָס? גאָט איז דער בעזאוועג זיווגימ[2] איז ער. וואָס קאָנ וויכנ א מענטש, וואָס?

[1] באשערטע פּאָר.
[2] וואָס פירט צונויפ די פּאָרנ.

ר ו ו נ־ה ע ר ש: (כאפּט אָן רעב שאָלעמען פאר די לאצן און טרייסלט אים). גאָט איז מעזאווע זיוווגים, זאָגט איר? איר קאָנט מיר אזעלכעס זאָגן? איר ווייסט דאָך יאָ, וואָס דאָ טוט זיך, און ווילט מיך אָפּ־נארן? מיך??

ר ע ב ש אָ ל ע ם ש א ד כ ן: (רײַסט זיך ארויס פון זײַנע הענט א דערשראָ־קענער). לאָזט מיך צו־רו לאָזט מיך! וואָס קערט זיך מיט מיר אָן וואָס? איך דארף קריכן צו יענעם אין קעשענע דארף איך? איך ווייס גאָרניט איך!

ר ו ו נ-ה ע ר ש: (גייט ארום הין און צוריק). אוי, ווייסט איר ניט! איר ווייסט גאנץ גוט פון מײַן שלאק, פון מײַן צאָרע! איר מאכט זיך נאָר, אז איר ווייסט ניט!

ר ע ב ש אָ ל ע ם ש א ד כ ן: יאָ, אָבער וואָס קערט זיך דאָס מיט מיר אָן וואָס? מע האָט מיך געשיקט רופן האָט מען מיך — בין איך געקומען בין איך; מע זאָגט א געט, לאָז זײַן א געט לאָז זײַן...

ר ו ו נ־ה ע ר ש: (שטעלט זיך אָפּ). א געט, זאָגט איר?

ר ע ב ש אָ ל ע ם ש א ד כ ן: (קאלטבלוטיק). נו, פארשטייט זיך, א געט.

ר ו ו נ-ה ע ר ש: (א זעץ מיט דעם קולאק אין טיש ארײַן). איך וויל ניט קיין געט! איר הערט, רעב שאָלעם? איך וויל ניט קיין געט! איך וויל ניט! איר הערט, צי ניין?

ר ע ב ש אָ ל ע ם ש א ד כ ן: איך הער, איך הער: פארוואָס זאָל איך ניט הערן, פארוואָס? „זי" וויל אָבער, „זי"!

ר ו ו נ־ה ע ר ש: ווער איז די „זי"? וואָס איז פאר א „זי"? וואָס מיר זי, ווער מיר זי?..

ר ע ב ש אָ ל ע ם ש א ד כ ן: איך מיין, סאָרע-כאנצע מיין איך; אײַער סאָרע־כאנצע, אײַערע.

ר ו ו נ־ה ע ר ש: סאָרע־כאנצע? נו, און ווו בין איך?

ר ע ב ש אָ ל ע ם ש א ד כ ן: (באראבאנעט מיט די פינגער אין טיש ארײַן). דאָס ווייס איך ניט דאָס.

ר ו ו נ־ה ע ר ש: וואָס הייסט, איר ווייסט ניט? איך וועל דער־לאָזן אזעלכעס בא זיך אין שטוב? אזא רעציכע איז נאָך ניט גע־

הערט געוואָרנ אפ דער האלבער וועלט! מע זאָל נעמענ קינדער, אזעלכע צוויי טײַערע קינדער, וואָס האָבנ זיכ ליב דאָס כּיעס מיט דער נעשאָמע, אונ פּלוצים אינמיטנדערינענ אָפּגעטנ זיי, צערײַסנ זייער גליק אפ אייביק! פארוואָס? פאר ווענ? פאר וועמעס זינד? (ער טרייסלט רעב שאָלעמענ פאר די לאצנ).

רעב שאָלעמ שאדכנ: (רײַסט זיכ אויס). וואָס בינ איכ שולדיק, וואָס? וואָס האָט איר צו מיר וואָס?

רוּוונ־הערש: (מיט גרויס פײַער). אזא צאצקע! אזא יונגערמאנ! נו, אונ איכ וועל דאָס צוזענ אונ אָפּשווײַגנ? הא? וואָס מיינט איר זיכ? איכ בינ דאָכ א פאָטער! איכ בינ דאָכ דער פאָטער! איכ האָב עפּעס אויכ א שטיקל דײ'ע, צי ניינ? הא? איכ וועל לאָזנ, מע זאָל מײַנ קינד פירנ פאר א קאָרבנ? אונ ווו בינ איכ — פרעג איכ אײַכ? רעב שאָלעמ, ווו בינ איכ? (ער וויל אָנכאפּנ רעב שאָלעמענ פאר דער לאצ).

רעב שאָלעמ שאדכנ: (רוקט זיכ אָפּ), איר זײַט גערעכט איר, וואָס עמעס, איז עמעס, רעב רוּוונ־הערש. איר זײַט אוואדע גערעכט זײַט איר. הייסט געבנ א ביסל בראָנפנ אונ עפּעס פארבײַסנ אויכ, איכ האָב נאָכ הײַנטיקנ פרימאָרגנ אינ מײַנ מויל ניט געהאט האָב איכ. (מע טראָגט ארײַנ א פלעשל ווײַנ מיט פארבײַסנ. רעב שאָלעמ שאדכנ גיסט זיכ אָנ א קויסע). לעכאַימ, רעב רוּוונ־הערש, לעכאַימ! לאָז גאָט געבנ בעסערע געשעפטנ, לאָז ער... לעכאַימ! לעכאַימ! (ער מאכט א קויסע).

רוּוונ־הערש: (גיסט זיכ אָנ אונ נעמט א קאפּ). לעכאַימ, רעב שאָלעמ! לעכאַימ טויוים וועשאָלעמ![1] עכ, ברודער א פאָהאנע וועלט! פע, כ'לעבנ, א פאָהאנע וועלט! פע!.. (טרינקט נאָכ א קאפּ).

רעב שאָלעמ שאדכנ: (א קויסע). פע, רעב רוּוונ הערש, פע, פע!

רוּוונ־הערש: (טרינקט נאָכ א קאפּ). אָבער גאָר אפ אנ אנדער אויפנ פע, רעב שאָלעמ!

רעב שאָלעמ שאדכנ: (טרינקט). זייער פע, זייער פע!

---

[1] געמיינט: צום גוטנ אונ צום פרידלעכנ לעבנ.

רוונ־הערש: (נאָכ א קאפ)· אָבער טאקע, רעב שאָלעם, וואָס פע הייסט!

רעב שאָלעם שאדכנ: (נאָכ א ביסל)· פע, פע, פע! ביזנ עק ארייַנ פע!

רוונ־הערש: (א ביסל פארשמאכט)· וואָס ווייסט איר, רעב שאָלעם, ווי פע דאָס איז! וויפל איר ווייסט פע, איז אפילע קיינ שמי־ניס שעבעשמיניס,[1] קיינ צענטויזנט־כייַלעק אפילע; דאָס איז אזא מינ פע, וואָס זינט די וועלט שטייט, איז נאָכ אזא פע ניט געווענ!

רעב שאָלעם שאדכנ: (מארע קויהענ)[2] שאָקלט צו מיטנ קאָפ אונ שמייכלט)· איכ וויס, רעב רוונ-הערש! ס'איז שטארק פע! איר דארפט מיר ניט דערציילנ איר. איכ האָב אויכ די אייגענע מאקע איכ, פונקט אזא צאָרע פונקט, אונ עפשער נאָכ ערגער עפשער...

רוונ־הערש: דאָכ איז מיט א גאנג; ניט אזוי ווי באַ מיר. אוי, וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר? קיינער ווייסט ניט, רעב שאָלעם! אָט דאָ ליגט דאָס באַ מיר. (וויַיזט מיטנ פינגער אפנ הארצנ). אָט דאָ, טים־טים!.. אונ פארוואָס? פאר ווענ? (בייגט איַינ דעם קאָפ) שוינ עטלעכע אונ צוואנציק יאָר, אז איכ קומ אָפ אפ דער וועלט... עטלעכע אונ צוואנציק יאָר, אז איכ בינ אינ גענעם... שיווע מעדורייַ גענעם...[3] אפ הייסע סקאָוורעדעס בראָטנ מיַינ לייַב... קאָליסטטראָי,[4] רעב שאָלעם, קאָליסטראָי טרייַבט זי מיכ דרייַ מאָל אינ טאָג... אָנ א שומ ראכמאָנעס... קיינ גוט וואָרט קימאט פונ דער ערשטער שאָ... א ווערטעלע אויסצוריידנ — עטלעכע אונ צוואנציק יאָר!.. אָט ווי מע דארפ א געט, רעב שאָלעם! (קוקט זיכ ארומ מיט שרעק)· אָט ווי מע וואָלט באדארפט ארופירנ אפ א געט!..

---

[1] אנ אכטל פונ אנ אכטל, געמיינט: דער קלענסטער טייל.

[2] דאָס אויסזענ פונעמ קויהענ· מע זאָגט דאָס וועגנ א מענטש, וואָס איז רויש־לעכ נאָכ א ביסל בראָנפנ.

[3] זיבנ אָפטיילונגענ פונעמ גענעם, געמיינט — געברענטע צאָרעס.

[4] פונ דעמ רוסישנ сквозь строй —שווערע לייַבשטראָפ.

ר ע ב ש אָ ל ע ם ש א ד כ נ: אוואדע געט (גיסט אָנ א קוויסע). בא מיר אויכ די אייגענע צאָרע בא מיר...

(עס קומט אָנ סאָרע־כאנצע).

2

די זעלבע אונ סאָרע-כאנצע

ס אָ ר ע־כ א נ צ ע: (פליט ארײַנ ווי א ווירער, אונ בלײַבט שטײַנ אינמיטנ שטוב; א פליעסק מיט די הענט). רוווג-הערש! וואָס איז דאָ בא דיר פלור־צעמ פאר א יאָנטעוו? גאָט איז מיט דיר, רוווג־הערש! ווערסט צײַט האָבנ נאָכ דעמ געט פארטרינקענ... (קוקט אינ דעמ ליידיקנ פלעשל ארײַנ). געמעגט איבערלאָזנ א ביסל אפ שפעטער... ווערסט נאָכ האָבנ גענוג צײַט צו טרינקענ. אונ איר אויכ, רעב שאָלעמ! אימירצאשעמ, צומ צווייטנ קנאסמאָל[1] אונ צו דער אנדערער כאסענע בא אונדזער טאָכ־טער... נאָר לאָז שוינ גאָט געבנ מיט מער האצלאָכע, ניט אזא גע־ניידעמ, ווי איר האָט מיר געגעבנ, רעב שאָלעמ!..

ר ע ב ש אָ ל ע ם ש א ד כ נ: (לעפעטשעט מיט דער צונג). איכ בעט אײַכ, סאָרע־כאנצע... איר זײַט דאָכ... א... א... איכ מיינ טאקע בעמעס מיינ איכ... א... א... ווי זאָגט ער... א... א... א... אישע צנוע...[2] א...

ס אָ ר ע־כ א נ צ ע: (ווײַזט זיי אפ דער טיר. זיי גייענ ביידע מיט ארײַנגע־לאָזטע קעפ, אונ זי גייט זיי נאָכ). נו, גייט שוינ, גייט! שוינ אלצ פאר־טיק... דער ראָוו האָט געשיקט צו מיר דעמ שאמעס... דער געט איז שוינ צומ שרײַבנ... נו, ריר זיכ שוינ, רוווג־הערש, ריר זיכ! קוק אימ אָנ א ביסל, ווי ער פלאָנטעט מיט די פיס... אינמיטנדערינענ זעצט מענ זיכ אוועק כלעפטשענ ווײַנ... (שטילערהייט). פיאווקעס זאָלנ טרינ־קענ אײַער בלוט ביידע... האָט זיכ צענויפגעקאָמפאניעט מיט דעמ

---

[1] צו די צווייטע טנאָים.
[2] א באשיידענע אונ פרומע פרוי.

דאָזיקן זוילעל-וועסויוועניק[1] און מע האָט ארויסגעראַמט, ווו עס איז דאָ א שטיקל לעקעכ אינ שאפע, עסנ זאָל איַיכ ווערעמביידע איַיער לייַב, זיסער גאָט!..

3

פריִער קומט ארייַנ מאָטל, פאלט אפנ בענקל און בלייַבט זיצנ אינ א טראגישער פּאָזע; באלד נאָכ אימ קומט ארייַנ לייווי־ביניאָמינ מיט א שמייכעלע.

מאָטל און לייווי-ביניאָמינ

מאָטל: (וויינט און רייַסט אפ זיכ די האָר). פארפינצטערט בינ איכ געוואָרנ! אז אָכ און וויי איז מיר, אז איכ דארפ מייַנ עטלעכ געבנ געט!

לייווי־ביניאָמינ: וואָס־זשע האָסטו געוואָלט? אז עטל זאָל דיר געבנ געט?

מאָטל: יאָ? דו לאַכסט? דו טרייַבסט קאטאָוועס? אצינד?

לייווי־ביניאָמינ: וואָס דענ? מעשוגענער, וואָס קלאָגסטו? וואָס האָסטו זיכ צעיאָמערט, ווי א ייִדענע? אדראבע, זאָג!

מאָטל: וואָס־זשע דענ? טאנצנ זאָל איכ?

לייווי־ביניאָמינ: אוואדע טאנצנ!.. דו ווערסט פּאָטער פונ אזא שוויגער, ווי סאָרע-כאנצע, מעגסטו געוויס גיינ טאנצנ... ווער קענ זי ניט? איכ בינ באוואָרנט, אז דו וועסט דאָ אָפּזייַנ נאָכ א האלב יאָר אינ שטוב, וועט דיכ דייַנ שוויגער פּאטשנ, אזוי ווי זי פּאטשט דעמ שווער דייַנעמ, דעמ ערלעכנ טיפּעש, וואָס איז ערגער פונ איר, אז ער לאָזט זיכ אזוי טרעטנ מיט די פיס.

מאָטל: ס'איז דיר גרינג צו ריידנ. יאָ. זאָלסט אָבער זייַנ אפ מייַנ אָרט, וואָלסטו...

לייווי-ביניאָמינ: איכ זאָל זייַנ אפ דייַנ אָרט, לעקיש, וואָלט איכ מיכ אפנ דריטנ טאָג געגעט און געפּאטערט אנ אָל פּור־נעמ קאָפּ! איינמאָל פאר אלעמאָל! (ער שפּאנט ארומ איבער דער שטוב).

---

[1] א פּרעסער, א זויפער.

מאָטל: (פאַרטראַכט). זיך געגעט?.. נו, און עטל? אַך, לייווי־בינימין! וואָס ווייסטו, וואָס ווייסטו, ווי טייער, ווי ליב זי איז מיר!?..

לייווי־בינימין: (שפּאַנט אַרום הין און צוריק). קוק אים אָן אַ ביסל, ווי ער מאַכט דאָס האַוויעס, די ליבע האָט זיך אין אים צעפּלאַקערט! ווער מיר ליבע? וואָס מיר ליבע? וואָס האָסטו זיך איינגעבילדעט, מעשוגענער? אַ שיינע ליבע, אַז די מאַמע קאָן זי אַרופירן צען מאָל אין טאָג אַף געט! אויך מיר אַ ליבע! כאַ־כאַ־כאַ!

מאָטל! מעגסט דיר לאַכן וויפל דו ווילסט. און דאָס, וואָס דאָס האַרץ פילט? (ער כאַפּט זיך באַם האַרצן).

לייווי־בינימין: כאַ־כאַ־כאַ! וואָס פילט דאָס האַרץ? וואָס?.. ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט ראָמאַנען, ווי אַ פּויק, און שרייט אַף אַלע גאַסן „ליבע“! גלאַט, סע ווילט זיך דיר שפּילן אַ ראָמאַן, נעמסטו אַליין אַף זיך צאָרעס מיט שלעק!.. נו, ווילסט ניט קיין געט? ווי דו ווילסט זיך! זיץ דאָ! אָט וועט באַלד קומען דער אַשמעדיי[1], די שוויגער דיינע, און וועט דיך אַריינלייגן ניין איילן אין דער ערד אַריין און וועט אָנשטעלן די טאָכטער, אַז זי זאָל דיר וואַרפן דעם געט פאַר די פיס; און נאָכדעם וועט איר זיך איבערבעטן, צעקושן, און שפּעטער מיט צוויי טעג ווידער די זעלבע געשיכטע, ביז פון דיין געליבטער וועט ווערן אַ מין סאָרע־כאַנצע און פון דיר אַ מין רוווּן־הערש סאָרע־כאַנצעס... אַ לעמעשקע... אַ שיינער סאָף!.. שעם זיך! (לייווי־בינימין רוקט אָן מאָטלען דאָס היטל ביז איבער די אויערן).

אַ פיינער יונגערמאַן! אַ יונגערמאַן ביסטו? אַ ווייבל ביסטו! אַ ייִדענע! מאָטל די ייִדענע! „סענדערל די ייִדענע“, כאַ־כאַ־כאַ! דו געדענקסט „סענדערל די ייִדענע“ בא אַבראַמאָוויטשן? כאַ־כאַ־כאַ! „שעהאָיאָ יוישעוו אַל האַסאַפסל“ — אַז סענדערל די ייִדענע איז געזעסן אַפן בענקל, אונטערגעבונדן מיט אַ טיכל די ציין, „וועקוילעס קאַרטאָפליס“ — און האָט געשיילט קאַרטאָפליס — כאַ־כאַ־כאַ!

מאָטל: גוט איז דיר צו לאַכן! דו האָסט זיך אַריינגעכאַפּט

---

[1] דער עלטסטער פון די שיידים.

אין א שטוב צווישן לײַט, ניט צווישן אזעלכע, ווי איך בין ארײַן...

לייווי־ביניאָמין: האָסט א גרויסן טאָעס, מאָטל, איך האָב שוין דיר טויזנט מאָל געזאָגט, אז סע ווײַזט זיך דיר אויס. גלייב מיר, ברודער, אז איך קום געווּג אָפּ. ניט אזויפיל, וויפל דו, פאר־שטייט זיך, אָבער קיין האָניק לעק איך אויך ניט... סע ווילט זיך מיר אזוי זיצן און קוועטשן די באנק, אזוי ווי דיר גלוסט זיך אצינד גיין טאנצן. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? מיר זײַנען איידעמס, מאָטל, מיר זײַנען איידעמס!.. מע האָט אונדז גענומען פאר א צירונג אין שטוב ארײַן, מע האָט אונדז געגעבן ווײַבער און מע זאָגט אונדז: גייט, קינדערלעך, צוויי מאָל אין טאָג אין שול ארײַן! טוט אײַך דאָרט וואָס אירווילט, אבי לאָזן לײַט זאָגן, אז איר זײַט שיינע איידעמלעך, זײַדענע יונגעלײַט; און מיר, קעלבלעך, לאָזן זיך פירן פארן שטריקל. טאָן טוען מיר גאָרניט, עסן לאסקאווע ברויט, טונע־יאדצעס, פוסטעפּאסניקעס! און אזוי גייען אוועק טעג מיט יאָרן, עס ווערט א קינד און צוויי... און מיר, קאָן זײַן, וואָלט זיך גאָר גע־גלוסט אצינד זײַן ווײַט־ווײַט פונדאנען, ערגעץ אין אָדעס, אָדער אין א פּייטערבארג... שטודירן... עך, ברודער, ניטאָ וואָס צו ריידן, מאָטל, מיר זײַנען ביידע גוט אין דער נעץ. מיר איז א ביסל בעסער, דיר איז ערגער — גיי זשע, נארעלע, פּלאָנטע זיך ארויס ביז דו קאָנסט נאָך, — ווײַל שפּעטער, גאָט ווייסט?.. קום שוין, קום, מאָטל, מאך זיך ניט נאריש!.. (ער נעמט אָן מאָטלען בא דער האנט, זיי גייען אָפּ).

סאָף פונעם צווייטן בילד

דאָס דריטע בילד

קומט פאַר בא רעב אָרקע דעם ראָוו אינ שטוב, וואָס איז איבערגעצאמט מיט א רעדנע אפ צוויי צימערנ: א „זאל" מיט א „קיכ". אינ „זאל" שטייט א שאַפע מיט ספאָרימ. אפ דעמ טיש ליגט א „יוירע דייע". מיט אנ „עווענ האָעזער"[1] א קאַנאַפע, באַצויגנ מיט קעסטלדיקנ ציצ; א מיזרעכ אפ דער וואנט; א זייגער מיט א קו־קושקע; א טיזליק מיט א טולופל פונ פיי מיט ווידלעכ; א שטרײַמל; אנ אטלאסענע קאַפאָטע מיט א געלנ אונטערשלאק; דער רעבעצנס יופע אפ וואטע; א גרויסע קוואָרט מיט א פיטש־נאסנ האנטעכ מיט א פּאָמויניצע אונ מיט א בעזעמ.

1

פרומע־ליבע די רעבעצנ אונ סאָרע־כאנצע

רעבעצנ: זיצט, סאָרע־כאנצע, זעצט זיכ צו, וואָס שטייט איר?

סאָרע־כאנצע: (מיטנ בורנעס אפ איינ ארבל). נישקאָשע, איכ קאָנ באשטיינ. (זי סמאָרעט מיט דער נאָז).

רעבעצנ: וואָס ארט אײַכ, סאָרע־כאנצע? אָט שטייט א בענקל, נעמט, זעצט זיכ צו. ביז דער געט וועט נאָכ פארטיק ווערנ, וועט א ביסל געדויערנ. אָכ־אָכ־אָכ! (שפּארט אונטער די באַק אפ צוויי פינגער אונ שאָקלט זיכ).

סאָרע־כאנצע: אָכ־אָכ־אָכ! (מאכט פיסקעס אפ צו וויינענ אונ זעצט זיכ צו מיט א זײַט אפ דעמ שפּיצ בענקל).

רעבעצנ: (מיט ראכמאָנעס). לעמײַ זאָלט איר זינדיקנ, סאָרע־כאנצע? מיסטאמע איז דאָס א באשערטע זאכ. מיסטאמע הייסט דער

---

[1] ראבאָנישע ספאָרימ, זאמלונגענ פונ דינימ.

אויבערשטער, האקאָדעש באָרוכ־הו ווייבאָרוכ שמוי![1] מיסטאמע איז דאָס ניט קיין זיוועג...

סאָרע־כאנצע: (ווישט זיכ די אויגנ אונ שנייצט די נאָז). ניט קיין זיוועג, זאָגט איר? אוי, פּרומעניו, נעשאָמעניו! איר קענט מיכ דאָכ ניט פונ נעכטנ אונ ניט פונ פאראיאָרנ... איכ קאָנ דאָס איַיכ גאָר אזוי־פיל ניט לאמנאצייעכ[2] זיַינ, איכ בעט איַיכ איבער ווי אנ אייגענע שוועסטער. ווענ איר זאָלט ויסנ, וויאזוי ער באגייט זיכ מיט מיַינ טאָכטער, מיט מיַינ ליַיב אונ פלייש וואָלט איר אליינ געזאָגט, אז ער איז אפ מיר א „מאכזיר נעשאָמעס",[3] עפּעס א מינ פּוראָניעס[4] פונ זיַינ ליבנ נאָמענ, עפּעס אנ „אויסער יִסראָעל"[5] איז ער. נאָכ ערגער פונ א מעשומעד, ניט דאָ געדאכט. איכ וויים? אנ אויסווירפלינג, א נישמאס קאָל־כיַי[6], א ווילדע כיַיע רויע,[7] א וואָוקעלאקע!..

רעבעצנ: (שמוצערט מיט די ליפּנ אונ מאכט מיט דעמ קאָפּ). מע זאָל נאָר באהיט ווערנ, ריבוינעשעלוילעמ פונ דער גאנצער וועלט, באָרוכ הו ווייבאָרוכ שמוי! סע איז דאָכ עפּעס גאָר אנ אָנשיקעניש, איז דאָס! א מאקע בכוירע[8] פונ מיצראִימ!

סאָרע־כאנצע: (מיט היץ). פונ מיצראִימ, זאָגט איר? פונ סדאָמ, זאָג איכ איַיכ! פונ סדאָמ! עפּעס א מינ, א מינ... „וועראָכצו",[9] א פּיפּערנאָטער, וואָס איז דוירעס[10] מיטנ קוק, א לינדנוואָרעמ, וואָס ליגט אינ כריינ אונ מיינט, אז סע איז גאָר קיינ זיסערס ניטאָ אפ

---

1 געבענטשט איז ער אונ געבענטשט איז זיַינ נאָמענ, געמיינט: גאָט.

2 אונ 3 העברעִישע ווערטער פונ סידער, געברויכט אָנ א שומ זינ, סאָרע־כאנצע געברויכט זיי אפ אויסצודריקנ איר קאס.

4 צאָרע.

5 געוואָלט זאָגנ „אויכער־יִסראָעל", געמיינט — אנ אויסוווּרף.

6 די נעשאָמע פונ יעדער לעבעדיקע באשעפעניש — האָט דאָ ניט קיינ זינ, געמיינט דאָס ערגסטע.

7 א בייזע כיַיע.

8 געמיינט — אנ אָנשיקעניש.

9 ווערט געברויכט אָנ א שומ זינ,

10 צעריַיסט.

דער וועלט! ער ליגט און טאַטשעט, ווערעם זאָלן טאַטשען זײַן לײַב אין דער פינצטער, ליבער גאָט!

רעבעצן: באַהיט מיך גאָט, באָרוך הו ווייבאָרוך שמוי! (זי הייבט אויף די אויגן מיט די הענט צו דער סטעליע). איך ווייס? איר דאַרפט נאָר דאַנקען און לויבן דעם, וואָס לעבט אייביק, באָרוך הו ווייבאָרוך שמוי, וואָס איר ווערט פאַטער פון אַזאַ צאָרע שעלוי טאָווי![1] אַט נעמט אַשטייגער, כאַיִם־מייער, ליפּע־כאַזקלס איידעם. מע זאָל באַהיט און באַשירמט ווערן, ריבוינעשעלוילעם. באָרוך הו ווייבאָרוך שמוי!

סאָרע־כאַנצע: וואָס איז דען מיט כאַיִם־מייער ליפּע־כאַזקלס איידעם?

רעבעצן: (פאַרגלאָצט די אויגן, שפּייט אויס און טוט זיך אַ וויש דאָס מויל). ס'זאָל מיר נאָר ניט פאַרעכנט ווערן פאַר קיין לאָשן־האָרע,[2] כאָלילע. שוין זינט כאַיִם־מייער ליפּע־כאַזקלס האָט געבראַכט דעם איידעם, האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן קליינע קינדער, ניט היינט גע־דאַכט, אַזוי ווי שטרוי, גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען, באָרוך הו ווייי־באָרוך־שמוי!

סאָרע־כאַנצע: (שמוצערט מיט די ליפּן, שאָקלט זיך מיטן גאַנצן קערפּער). וואָס רעדט איר, אוי פרומעניו, נעשאָמעניו! וואָס זשע איז מיט אים אַזעלכעס, לעמאָשל? וואָס האָט ער געטאָן, דער יימאַכשמויניק,[3] פאַר־כאַפּט זאָל ער ווערן?

רעבעצן: וואָס האָט ער געטאָן, פרעגט איר? פרעגט בעסער, וואָס האָט ער ניט געטאָן? אַ קלייניקייט — יענער האָט אָפּגערעדט די לעוואָנע!

סאָרע־כאַנצע; אַ, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן! וואָס הייסט ער האָט אָפּגערעדט די לעוואָנע?

רעבעצן: ווייסט אים דער גוטער יאָר! מיט אַזאַ קישעף, צי וואָס? זינט ער האָט אים געבראַכט צו פירן, איז ניט געווען קיין לעוואָנע.

---

[1] וואָס זאָל ניט קומען.

[2] שלעכטע רייד, ספּלעטניעס.

[3] אַן אויסוווּרף.

סאָרע־כאַנצע: אַ, פּאָרכאַפּט זאָל ער ווערן! ווו איז אַהינגעקומען די לעוואָנע?

רעבעצן: איך ווייס ווו זי איז אַהינגעקומען? וואָס ווייס אַ אישע?[1] איך ווייס נאָר, דער ראָוו האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז ניטאָ קיין איין לעוואָנע מעכאַדעש צו זײַן; ביז כאַים־מײַער ליפּע־כאַזקלס האָט ניט אָפּגעגעט דעם איידעם איז ניט געווען קיין לע־וואָנע, און אַז מע האָט אים אָפּגעגעט, האָט גאָט באָרוך הו וייִבאָרוך שמוי אַ נעס געטאָן. ס'איז שוין ווידער דאָ אַלע כוידעש אַ לעוואָנע... דאָס איי־גענע איז מיט אײַך, סאָרע־כאַנצע: אָט ווערט איר פון אים פּאָטער, אימירצאַשעם[2] מיטן אויבערשטנס הילף, באָרוך הו וייִבאָרוך שמוי...

סאָרע־כאַנצע: איך ווער פּאָטער? סע קאָסט מיך קאַרג בלוט? וואָס רעדט איר, פרומע לעבן? אַ ווערטעלע, אַ שידעך געטאָן, כאַסענע געמאַכט, אָנגעטויטשעט זיך — און וואָס, איך בעט אײַך? אַצינד, גיי טו נאָכאַמאָל אַ שידעך, ווידער אַן איידעם, אַ צירונג אין שטוב אַרײַן, אַן אַווידע זאָרע,[3] אַ לאַסויס־נעקאָמעניק,[4] אַ בייזער שטערן... ששאַ, אָן גייט ער, דער טאַכשיט מײַנער. לאָמ איך זיך באַהאַלטן, פרומע לעבן, בא אײַך אין קיך, מײַנע אויגן זאָלן אים ניט אָנקוקן אין זײַן טרייפענעם פּאַרצעף.[5] אַ סיבע אים אין פּאָנעם אַפּ דרײַ יאָר מיט אַ האַלבן!.. (זי גייט אוועק אין צווייטן צימער).

2

רעב אָרקע דער ראָוו: (קומט אַרײַן געשווינד, וואַשט די הענט, זאָגט „אַשער יאָצער" 6 אַפּ אַ קאָל און זעצט זיך אויבנאָן אַפּ דער קעסטלדיקער קאַנאַפּע, מיט גרויס פּאַראַד. נאָך אים גייט אַרײַן רעב סכאַריע סויפער 7 און שטעלט זיך אָן אַ זײַט.

1 אַ פרוי.

2 אַ צושפּרוך, אַ באַוואָרעניש.

3 געצנדינערײַ.

4 באַנוצט אָן אַ שום זין (אַ וואָרט פון דאַוונען).

5 פּאָנעם.

6 אַ טפילע.

7 דער מענטש, וואָס שרײַבט די רעליגיעזע שריפטן, סייפערטוירעס, מעזוזעס און

נאָך דעם סויפער גייען נאָך צוויי איידים[1], און דער שאמעס טראָגט אריין דעם געט מיט א גרויסן גלעזערנעם טינטער, אין וועלכן עס שטעקט א געגרזענער פעדער. עס הייבן אָן אריינצוקומען אייניקע אלערליי יידן: הויכע און נידעריקע, אלטע און מיטעלע, שווארצע און געלע ביז עס קלייבט זיך צונויף א מיניען[2]. לייווי־ביניאָמין, רעב שאָלעמשאדכן און רווג־הערש קומען אָן באזונדער. פרומע־ליבע, די רעבעצן, הייבט אוף דעם פאָרהאנג פון דער קיך־טיר און לאָזט אריין עטלען, וואָס גייט טריט בא טריט, אָנגערוקט דאָס טיכל ביז דער נאָז. פון דער טיר קומט אריין מאָטל, בלאס און צעטראָגן. דער שאמעס ווייזט זיי זייערע ערטער. רעב אָרקע, דער ראָוו איילט זיך און שנייצט אויס די נאָז און איז זיך מייכן צום סיידער האָגעט[3]

רעב אָרקע. דער ראוו, סכאריע סויפער, יידל דער שאמעס, רווג-הערש, מאָטל, לייווי־ביניאָמין, רעבעצן, עטל. צוויי איידעם און א מיניען יידן.

דער ראָוו: (נעמט דעם געט). דו, סויפער זכאריע באר[4] טעוויע, איז דאָס דער געט, וואָס דו האָסט געשריבן, האָסטו געשריבן?

דער סויפער: (קראַצט זיך אין דער געריכטער באָרד). יאָ.

דער ראָוו: קענסט דעם געט און האָסטו א סימען מוזהעק?[5]

דער סויפער: יאָ.

דער ראָוו: האָט דיר דער באאל[6] מוישע-מאָרדכע באר עפראָים־מענאשע געגעבן דעם פארמעט, דעם טינט און דאָס טינ־טערל און דאָס גאנצע שרייב-געצייג פאר די איידים.

דער סויפער: יאָ!

דער ראָוו: האָט דיר געהייסן דער באאל מוישע-מאָרדכע באר עפ־ראָים-מענאשע, אז דו זאָלסט דעם געט שרייבן לישמוי אולישמאָ אר־לאָשעם גערושינ.[7]

דער סויפער: יאָ.

דער ראָוו: האָסטו אזוי גערעדט, אז דער געט, וואָס דער באאל

---

1. איידעס.
2. צען.
3. מאכט זיך גרייט צו דער פראָצעדור פונעם געט.
4. זון.
5. א בענויער צייכן.
6. דער מאן.
7. צוליב אים, צוליב איר און צוליבן געט.

מוישע־מאָרדכע באר עפּראָ:ים-מענאשע האָט געשריבן, איז געשריבן לישמוי אולישמאָ אולאָשעם גערושין?

ד ע ר ס ו י פ ע ר: איך האָב גערעדט, אז דער געט, וואָס דער באאָל מוישע־מאָרדכע באר עפּראָ:ים-מענאשע האָט געשריבן, איז לישמוי אולישמאָ אולאָשעם גערושין.

ד ע ר ר אָ ו: (צו די איידעס). האָט איר געהערט פונעם מעגארעש[1] מוישע-מאָרדכע באר עפּראָ:ים-מענאשע, אז ער האָט מעוואטל[2] געוועזן אלע מוידאָעס[3] און אז דער געט, וואָס ער האָט געשריבן, איז געשריבן לישמוי אולישמאָ אולאָשעם גערושין?

ד י א י י ד ע ס: (ביידע צוזאמען, איינער אפ א גראָבער, און דער אנדערער אפ א דינער שטימע). יאָ.

ד ע ר ר אָ ו: האָט איר געזען. אז דער מעגארעש מוישע-מאָרדכע באר עפּראָ:ים-מענאשע האָט מויסער[4] געווען דעם טינט און פען און דאָס טינטערל ביכדיי דער געט, וואָס ער האָט געשריבן, זאָל זיין געשריבן לישמוי אולישמאָ אולאָשעם גערושין?

ד י א י י ד ע ס: יאָ.

(מע דעקט אָפּ עטלעכע די פּאטשיילע).

ד ע ר ר אָ ו: דו כיי:ע עטל געגענדל באס[5] רוווי-הערש, ווילסטו מעקאבל[6] זיין דעם געט פון דיין מאן מוישע־מאָרדכע באר עפּראָ:ים־מענאשע פון גוטן ווילן, אָן אוינעס[7] און אָן טנאַי?... זאָג: „יאָ".

ע ט ל: (שווייגט א היפּשע ווײַלע, ביז יידל דער שאמעס טוט זי א טאָרק באם ארבל). יאָ.

ד ע ר ר אָ ו: האָסטו געטאָן א נײדער, אָדער א שוווע, אָדער אן איסער[8] זאָג: „ניין".

---

[1] דער וואָס געט אָפּ.
[2] צוניִשט געמאכט.
[3] מעלדונגען.
[4] איבערגעגעבן.
[5] טאָכטער.
[6] אופנעמען.
[7] ניט געצוווּנגען, מיטן גוטן ווילן.
[8] פאַרפליכטונג.

ע ט ל: (שאָקלט מיטן קאָפּ) ניין, ניין!

ד ע ר ר אָ ו: האָסטו גערעדט מעוילעם[1] א דיבער, אָדער א שווע, אָדער אַן איסער, ס'זאָל דעם געט ניט מאַזיק[2] זײַן?.. זאָג: „ניין".

ע ט ל: (מיט טרערן). ניין.

(ייִדל דער שאַמעס פירט צו מאָטלען)

ד ע ר ר אָ ו: דו, מוישע־מאָרדכע באַר עפראַ‏ִים־מענאַשע, ווילסטו געבן דעם געט דײַן ווײַב כײַע עטל גענענדל באַס רוווּן־הערש פון דײַן גוטן ווילן, אָן אוינעס און אָן טנײַ? זאָג: „יאָ".

מ אָ ט ל: (דרייט אויס דעם קאָפּ צו עטלען און זיפצט. ייִדל דער שאַמעס טוט אים א שטורכ פון אינטן מיטן עלנבויגן. ער שאָקלט מיט דעם קאָפּ אַפּ ניין און זאָגט „יאָ"). יאָ!

ד ע ר ר אָ ו. האָסטו גערעדט מעוילעם אַדיבער, אָדער א שווע, אָדער אַן איסער, ס'זאָל דעם געט ניט מאַזיק זײַן? זאָג: „ניין".

מ אָ ט ל: (רוקט זיך צו נעענטער צו עטלען. דער שאַטעס נעמט אים אָן פאַר די אַקסלען און פירט אים אָפּ א ביסל ווײַטער) ניין, איך האָב געוואָלט זאָגן...

(ער וויל עפּעס זאָגן ווײַטער טוט אים דער שאַמעס א צי בײַ דער האַנט).

ד ע ר ר אָ ו: (גיט אים איבער דעם געט על־פּי דין[3]). נאַ דיר דעם געט, האַלט אים, ביז איך וועל דיר זאָגן... (דער ראָוו ווענדט זיך שוין צו עטלען). גיב אים אָפּ די קסובע,[4] אָדער זײַ אים מויכל. טו אויס דאָס פינגערל, ס'זאָל ניט זײַן קיין שום כאַציצע[5] און דער אַרבל זאָל ניט אָנרירן, די הענט הייב אויף, און זאָלסט זיי ניט פאַרמאַכן, ביז איך וועל דיר זאָגן... (צום אוילעם) ווער סע האָט עפּעס פּסול[6] אָפּן געט—זאָגט!.. (דער אוילעם שווײַגט מיט שטיל־שווײַגעניש. דער ראָוו צו מאָטלען). דו, מוישע-מאָרדכע באַר עפראַ‏ִים־מענאַשע, הייב אוף די הענט העכער פון דײַן ווײַב. (מאָטל רוקט זיך צו עטלען און פאַרקוקט איר אונטערן טיכל: ביידע יונגע מענטשן ווײנען און שלינגען די טרערן, דער ראָוו צו מאָטלען). דו,

---

[1] ווען עס איז.

[2] שאַטן.

[3] לויטן געזעץ.

[4] א כאַסענע־קאָנטראַקט.

[5] צווישנשייד.

[6] ווער עס האָט עפּעס קעגן דעם געט.

פּוישע-מאָרדכע באַר עפֿראַיִם־מענאשע, זאָג מיר נאָך וואָרט איין וואָרט; זאָג: „האַריי זע גיטאָך"...

מאָטל: (ער וואַרגט זיך). „האַרדריי זזזע גגגטאָך"!..

דער ראָוו: „וועהיסקאַבלי גיטאָך"...

מאָטל: (מיט א קוויטש). „וועהיסקאַבלי גיטטאָך"..

דער ראָוו: „אוווי טעהי מעגורעשעס"...

מאָטל: „אוווי טעהי מעגגגרעשעס"...

דער ראָוו: „מימעני מעאַכשאָוו"...

מאָטל: (מיט א יאָמערלעך געוויין) „מממימעני מעאַכשאָוו"...

דער ראָוו: „וועהאַריי אַט"...

מאָטל: (כליפּעט ווי א קליין קינד). „וועההאַריי אַט"...[1] (דער געשטאַלט פּלוצעם אַרויס פֿון זײַנע הענט, מאָטל פֿאַלט עטלעכע אַפּן האַלדז — און דאָס פּאַרפֿאָלק ווערט אומגעריכט צוגוימגעגאָסן אין א לאַנגן, הייסן פֿלאַם־פֿײַערדיקן קוש).

דער אוילעם: (בלײַבט לעכאַטבילע דערשטוינט, אָפּהענטיק, אָן לאָשן; קוקן איינער אַפּן אַנדערן און אַלע צוזאַמען אַף דעם ראָוו). אי-אָ, — נו־פֿע!..

דער ראָוו: (אין אײַניקע מינוט אַרום). נו, נו! א מײַסע, א מײַסע! (קנײַטשט מיט די פּלייצעס). איך בין שוין דאָ, באָרוכאַשעם, באַלד זיבן און דרײַסיק יאָר ראָוו, און האָב שוין אַפּ מײַן לעבן גענוג פֿאַרלעך אָפּגעגעט, — האָט זיך מיר נאָך אַזאַ מײַסע ניט פֿאַרלאָפֿן! א מײַסע! א מײַסע! נו, נו!..

די רעבעצן: (קוקט ניט אַף קיינעם). מין האַשאָמאַיִם![2] מיסטאַמע איז דאָס א זיוועג מין האַשאָמאַיִם, פֿון האַשעם ייִסבאָרעך, באָרוך הו אוּבאָרוך שמוי...

רעב שאָלעם שאַדכן: מאַזלטאָוו! ייִדן, זאָגט מאַזלטאָוו, ייִדן! און שטעלט מאַשקע שטעלט!

דער אוילעם: (איינער דעם אַנדערן). מאַזלטאָוו! מאַזלטאָוו! מאַזלטאָוו!

דער סויפֿער: רעב רווּנ־הערש! רעב רווּנ־הערש! שיקט נאָך מאַשקע, וועלן מיר טרינקען „לעכאַיִם".

---

[1] דער טעקסט, וואָס דער מאַן זאָגט, ווען ער גיט איבער דער פֿרוי דעם געט.

[2] פֿון הימל.

דער אוילעמ: נאָכ מאשקע! נאָכ מאשקע! יידל, מאשקע ברענג צו טראָגנ!

יידל דער שאמעס: אָט גיי איכ! אָט לויפ איכ! וואָס זאָל איכ ברענגענ אפ צו פארבײַסנ?

רעב שאָלעמ שאדכנ: ברענג קיכלעכ ברענג, אונ הערינג ברענג אונ א ביסל דארע קישקע, א ביסל...

רווונ-הערש: (צו שאָלעמ שאדכנ). נו, רעב שאָלעמ! וואָס האָב איכ אײַכ געזאָגט? איאָ? ווער איז גערעכט, רעב שאָלעמ? הא, רעב שאָלעמ? נא דיר גאָר געטנ זיכ?!

רעב שאָלעמ: אָבער מײַנ רעכאש[1] מײַנער? רעב רווונ-הערש, מיר קומט רעכאש קומט מיר! א שאדכנ, אז ער שטייט אפילע פונ דער זײַט א שאדכנ, קומט אימ שוינ אויכ שאדכאָנעס קומט אימ! וואָס זאָגט איר, רעב אָרקע, ניט אזוי, וואָס? עלעהיי א נײַער שי-דעכ עלעהיי!.. (צומ שאמעס) אונ פארגעסט ניט, רעב יידל, דארע קישקע, לעמאנאשעמ,[2] קישקע דארע!

דער אוילעמ: (א סאכ קוילעס). ווו איז אהינגעקומענ דאָס פאָר-פאָלק? ווו זײַנענ זיי? האָסטו געהערט אנ אקציע? הא-הא-הא! א קאָמעדיע! א ריינע קאָמעדיע! (האלטנדיק זיכ בא די זײַטנ לאכנדיק).

לייווי-ביניאָמינ: (צו מאָטלענ). מאזלטאָוו דיר, מאָטל: ווער ס'איז דיר מעקאנע, דער זאָל אליינ ניט האָבנ... איכ האָב דיר שוינ פארזאָרגט אפ אייביק... (צומ אוילעמ). א קאָמעדיע, זאָגט איר? ס'איז טאקע צו מאכנ פונ אײַכ א קאָמעדיע! ס'וועט זיכ שוינ געפינענ אזעל-כער, וואָס וועט פונ אײַכ אמאָל באשרײַבנ, מאכנ פונ אײַכ א קאָמעדיע...

סאָרע-כאנצע: (דערשײַנט פונ יענער זײַט פאָרהאנג, צומ מאנ). רווונ-הערש, דו הערסט? האָב איכ דיר געזאָגט, אז ער וועט אונדז בא-שרײַבנ אפ די גאזעטנ, אָט דער קאָלבוריניק?[3] (באווײַזט מיט די קולאקעס אפ לייווי-ביניאָמינענ אונ אפ מאָטלענ אונ לאָזט זיכ צו דער טיר).

פאָרהאנג.

---

[1] קירצונג פונ די ווערטער: ראָוו, כאזנ, שאמעס: געלט, וואָס מע פלעגט באַ-צאָלנ די קלייקוידעש בא סימכעס. געמיינט שאדכאָנעס-געלט.

[2] געמיינט: אומבאדינגט.

[3] דער אויסוווּרף.